# דרײַ לידער

## ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

### נײַע טענער

קומען ציטערדיקע קינדער — נײַע טענער,
ווי קינדער פּרוּוון שטעלן ערשטע טריט
ווי אַ הינטערגרונד פֿון אַ מעלאָדראַמע
קלינגט אַ ניגון סודותדיק פֿאַרהיט.
עפֿנט מען דאָס פֿענצטער צו די הייכן
פֿאַלן שטערנדלעך ווי שפּילעכלעך אַרײַן
זעצן זיך די ליבע געסט פֿון ווײַטן
און דערלאַנגען דיר אַ בעכער זיסן ווײַן.
ווערט אײַנגעשטילט דער וויכער פֿון דער נידער
ווערט פֿאַרבלייכט דאָס רויטע שנירל פּײַן
אַ מכשף — אַ ניגון האָט דיך פֿאַרשלענגלט
און דו לאָזסט זיך מיט אים אין דער וועלט אַרײַן.

-----------

## ראָז צי גרין

סע טרעסעט אין ווינט זיך
דער יאַפּאַנישער קליאָן
מיט רויט פֿאַרפֿלאַמטן געבלעטער
צופֿרידן מיט זיך
וואָס ווייסט ער דען
פֿון צעמימתטע באַלקאַנישע ערטער!
סע לויפֿן אויטאָס אין גרויס געאײַל
זיי זאָלן גאָר נישט וויסן
אַז ס'גייט דער מענטש
ווי אַ סאָמנאַמבוליסט
אויפֿן שטענדיקן וועג צו אַביסן.

אין דרויסן ברענט אַ זומערהיץ
אויף העכסטע בריִיקע סטרונעס
קען מען זיך לאַבן מיט אַ קילן קול
צי מיט ביטערע פּילן חלשות.
לאָז קומען אַ שפּראָץ גרין צי ראָז
צעליכטיקן ס'אויג בײַ די קינדער
וואָס מיט אַ פֿאַרטײַעטן מוח
צאַנקען זיי אויס דעם יאָרהונדערט.

## אויסגעטרוקנטע ווערטער

נישטאָ מער וואָס צו לייענען אין די בלעטער
אויסגעטרוקנטע פֿליִען אַרויס ווערטער
אָנצושעפּן זיך מיט קלאָרן שווײַגן.
ווידער אַן אַכציק-יאָריקע זקנה
רויב און מאָרד שוין אַ נעכטיקע מעשׂה
מזלדיק דער וואָס מײַדט אויס ס׳מעסער.
אָרעמע פֿרוי גאָלדמאַן
כ׳באַלייט זי צו קבֿורה
אין דמיון.
ווער ס׳איז אַלט און אַליין
אין דער שטאָט
פֿאַלט אויפֿן ערשטן פֿראָנט.
לעבן מיר אין באַן
פּאַרשווינען לייענען.
איך לייען די פּלאַקאַטן
איבער די שויבן.
זיי שמייכלען צו מיר ליבלעך
מיט אותיות געזונטע, פֿעטע.
זיי האָדעווען אונדז מיט צוקערלעך,
נאָר מיר יאָגן נאָך די ווערטער
וואָס פֿילן אָן די בלעטער
״פֿאַרפּײַניקטע זקנה״
שאַרפֿער ווי אַ מעסער.